בס״ד

# עונג שבת

## פרשת דברים תשס״ד

גוט שבת אלע אידן. ווען די בית המקדש איז געשטאנען האבן אידן געקענט באקומען א כפרה דורך ברענגען א קרבן. היינט אז מען האט נישט קיין בית המקדש, וואס קען מען טון פאר א כפרה? זאגט רבא, ״כל העוסק בתורה, אינו צריך לא עולה (ולא חטאת) ולא מנחה ולא אשם.״ (מנחות קי.) יעצט אז די בית המקדש איז חרוב געווארן קען מען באקומען א כפרה דורך לערנען די הייליגע תורה. יעצט אז מיר גרייטן זיך צו צום ט׳ באב, לאמיר אביסל מתבונן זיין אויף דעם ענין פון לימוד התורה אנשטאט קרבנות.

דער מהר״ל זי״ע איז מסביר דעם ענין אזוי: ״וכאשר עוסק בתורת חטאת יש לו אותו התקרבות עצמו אשר [היה] קונה על ידי [קרבן] החטאת ולכך העוסק בתורת חטאת כאלו הקריב חטאת.״ ד״ה, אן עבירה איז מרחק א איד פונעם אייבערשטען. אבער דורך עוסק זיין אין תורה באקומט מען דעם זעלבן התקרבות וואס דער קרבן האט אמאל אויפגעטון. (תפארת ישראל עמוד ריט ־ פרק ע)

יעצט אז מען זעט דעם כח פון לימוד התורה פון די ווערטער פון דעם מהר״ל, דארפן מיר עס נעמען אין הארץ אריין און משתדל זיין למעשה צו מרבה זיין אין לימוד התורה. דורך דערציילן די וואך די פאלגענדע מעשה קענען מיר אלע נתעורר ווערן צו וועלן זיין מער עוסק אין תורה.

פון דרויסן, האט עס אויסגעקוקט אז יורי זילבער איז געווען א געטרייער ארבעטער אין דעם קאמוניסטישען גהינם וואס מען האט גערופן רוסלאנד. יורי האט אפילו געהאט א באכבודיגען פאסטן ארבעטן פאר די רעגירונג.

באהאלטענערהייט אבער איז ״יורי״ געווען ״יצחק.״ ווייסט מען אז אינטער די קאמוניסטען ימ״ש איז עס שטרענג פארבאטן געווען צו לערנען און היטן די תורה. אבער, אפילו עס איז געווען א מצב פון סכנת נפשות, האט ר׳ יצחק געלערנט תורה ווי מער עס איז געווען שייך. יעדען טאג אינדערפרי, פאר ער איז ארויסגעגאנגען צום ארבעט, האט ער אויסגעריסן א בלאט גמרא פון זיין ש״ס און דעם בלאט האט ער באהאלטן אין זיין קליידונג. ווען ער האט געהאט אן איבריגע מינוט ביי דעם ארבעט, האט ער דעם דף ארויסגענומען פון טאש און ער האט עס געלערנט באהאלטענערהייט. אסאך מאל איז ער געווארן אזוי פארטיפט אין דעם לערנען אז ער איז כמעט געכאפט געווארן. ב״ה אז אין די זכות פון לימוד התורה האבן זיי אים קיינמאל נישט מגלה געווען. דורך זיינע יארן אין רוסלאנד האט ער אויסגעריסן און דורכגעלערנט ביי זיין ארבעט איבער 2300 דף גמרא!

אין תשל״ג איז געקומען די פרייליכע בשורה טובה אז ר׳ יצחק האט באקומען וויזעס פאר אים און זיין משפחה צו גיין וואוינען אין א״י. פארשטייט זיך אז ער איז געווארן איבערגענומען מיט גרויס שמחה.

א שטיק צייט שפעטער איז ר׳ יצחק געזיצן אויפן עראפלאן אויפן וועג קיין א״י מיט זיין משפחה. זיין חלום צו וואוינען צווישען זיין פאלק אין א פלאץ וואו ער וועט קענען מקיים זיין די תורה ווי עס דארף צו זיין איז ב״ה סוף כל סוף מקוים געווארן! די התרגשות איז געווען נישט מעגליך צו מסביר זיין.

באמת, איז די עיקר התרגשות פאר ר׳ יצחק געווען זיין תשוקה צו קענען פארענטפערן אלע זיינע קשיות אויף די גמרא וואס ער האט געלערנט דורך די יארן. ווייל אין רוסלאנד האט ער נישט געהאט די געלעגענהייט צו פרעגן זיינע שאלות ווייל עס איז פשוט נישט געווען עמיצן צו פרעגן!

מיט זיין הארץ פיל מיט שמחה און התרגשות איז ר׳ יצחק אראפגעקומען פונעם עראפלאן און ער איז אריינגעגאנגען אין דעם בנין פונעם עירפארט. ר׳ יצחק איז געלאפן צו דעם ערשטען מענטש וואס ער האט געזען מיט א קאפעל. מיט צוריסענע בלעטער פון א מסכת ערובין אין זיין האנט, האט ר׳ יצחק אנגעכאפט דעם מענטש מיט א קאפעל און ער האט אים געזאגט ווייזענדיק א געוויסע דף גמרא: ״ביטע, זיי מיך מסביר די תוספות!״ יענער מענטש, וואס איז געווען א פאליצאנט, האט אנגעקוקט ר׳ יצחק מיט אן איבערראשונג. האט דער רוסישער איד פארלוירען זיין שכל? האט דער פאליצאנט געטראכט.

ר׳ יצחק האט גוט אנגעקוקט דעם פאליצאנט און דאן האט ער זיך פארווירקלעכט אז נישט יעדער איינער אין א״י האט אויסגענוצט דעם געלעגענהייט צו לערנען תורה. ר׳ יצחק איז געווארן צובראכן און ער האט אנגעהויבן צו וויינען. ר׳ יצחק האט יארן לאנגע געוואוינט אין א לאנד וואו אידישקייט איז געווען פארבאטן. וועגן דעם איז ר׳ יצחק שטארק אנטוישט געווארן צו זען אז נישט יעדער איד וואס וואוינט אין א״י, האט טאקע אויסגענוצט דעם געלעגענהייט צו לערנען.

א צווייטע אינטערעסאנטע מעשה איז אויך געשען מיט ר׳ יצחקס זון אנאטולי, אדער ״אברהם,״ וואס איז זיין אידישער נאמען. אפאר טאג נאכדעם וואס זיי זענען אנגעקומען קיין א״י, איז אברהם געגאנגען צו דעם מירער ישיבה וואו ער האט געוואלט לערנען. עס איז שווער געווען פאר אברהם משיג צו זיין דער חילוק צווישען רוסלאנד און א״י לגבי תורה און מצוות. נאר אפאר טעג פריער ווען ער איז געווען אין רוסלאנד, איז לערנען תורה געווען שטארק פארבאטן. יעצט אבער אין א״י האט ער געזען ווי אידן לערנען תורה ב״ה ברבים.

ווען אברהם איז געגאנגען אויפן וועג צו דעם ראש ישיבה ר׳ חיים שמאולעוויץ איז ער געווארן שטארק נערוועז און ער האט געציטערט פון פחד, ווייל ער האט געהאט יראת הכבוד פאר ר׳ חיים.

דער ראש ישיבה ר׳ חיים האט אויפגענומען אברהם מיט א שטארקען ווארעמקייט. ר׳ חיים האט געמיינט אז דער רוסישער בחור איז געקומען סתם צו רעדן מיט אים. ער האט זיך נישט פארגעשטעלט אז דער איד וואס איז יעצט ארויסגעקומען פונעם רוסישען גהינם האט געוואלט גלייך קומען לערנען אין די מיר. וועגן דעם איז ר׳ חיים געווארן אביסל איבערראשט ווען ער האט געהערט אברהמ׳ס בקשה צו קומען לערנען אין די מיר.

דער ראש ישיבה האט געזען אז עס ברענט אין אברהמס אויגען א שטארקען חשק צו לערנען תורה. ר׳ חיים האט אבער געטראכט אז אברהם איז לכאורה נישט ראוי געווען גלייך צו קומען לערנען אין די מיר ישיבה. ווייל טאמער ער וועט נישט מצליח זיין ח״ו, וועט עס אפשר שטערן זיין אידישקייט. צוליב דעם, האט ר׳ חיים מסביר געווען פאר אברהם אז עס זענען אנדערע ישיבות אין ירושלים וואס זענען מער פאסיג פאר אים. נאר נאכדעם זאל ער קומען לערנען אין די מיר.

ווען ר׳ חיים האט געענדיגט רעדן, האט אברהם געקוקט אויף דעם ראש ישיבה מיט טרערן אין זיין אויגען. אברהם האט נישט אפגעלאזט דעם ראש ישיבה אזוי שנעל, נאר ער האט שטארק געבעטן נאכאמאל און נאכאמאל אז דער ראש ישיבה זאל אים כאטש געבען א געלעגענהייט זיך צו פרוווען אז ער איז טאקע ראוי פאר די מיר. ר׳ חיים האט נישט געוואלט פארשעמען דעם בחור, וועגן דעם האט ער צוריקגעהאלטן פון זיין מסכים אים צו פארהערן. אבער נאך דעם וואס ער האט געזען אז אברהם האט אזוי שטארק געוואלט זיך פארהערן, האט דער ראש ישיבה מסכים געווען.

די צוויי זענען אריבערגעגאנגען צום ספרים שאנק און ר׳ חיים האט געפרעגט דעם בחור אויף וועלכע מסכתא ער וויל זיך פארהערן. אברהם האט געהאנגען זיין קאפ פון בושה. ר׳ חיים האט רחמנות געהאט אויף אים. ״דו דארפסט נישט שעמען. זאג מיר נאר וועלכער מסכתא אויף וואס איך קען דיך פארהערן?״

אברהם האט ארויפגעקוקט אויף ר׳ חיים, יעצט האבן טרערן גערינען פון זיינע אויגען. ״איך שעם מיך צו זאגען... אז.... איך קען נאר די סדרים נשים און נזיקין, גמרא רש״י מיט תוספות!״

ר׳ חיים איז געווארן פארוואונדערט! ער האט זיך נישט געקענט רירן, ער איז געשטאנען שטיל ווי א שטיין. ער איז געווארן איבערגענומען מיט יראת הכבוד פון דעם בחור. אברהם האט געלערנט מער אין זיינע זיבעצען יאר אין רוסלאנד, וואו זיי האבן געקענט אים שטראפען און שיקען קיין סיביר, ווי רוב בחורים וועלכע וואוינען אין ״פרייע״ לענדער לערנען דורך אלע זייער יארן אין ישיבה!

ר׳ חיים האט אים ארומגענומען און געהאלטן פעסט. אברהם איז גלייך אנגענומען געווארן צו די מירער ישיבה.

ביז די בית המקדש וועט אויפגעבויעט ווערן בקרוב, קען מען נישט מקריב זיין קיין קרבנות. אבער, דער באשעפער איז אזוי גוט צו זיין אידישען קינדער, אז ער האט אונז נישט געלאזט אן קיין כפרה. נאר וואס? היינט קען מען באקומען א כפרה דורך עוסק זיין אין די הייליגע תורה. די אויבערדערמאנטע מעשה איז אמת, אויך ליגט אין די מעשה א געוואלדיגע מוסר השכל. ד״ה, קוק וואס זיי האבן מצליח געווען צו לערנען אין די שווערסטע מצבים. אונזער מצב איז זיכער נישט שווערער ווי זייער מצב. לאמיר אלע נתעורר ווערן צו זיין מער מקפיד מיט אונזער סדרים, דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו קענען מקריב זיין קרבנות במהרה בימינו אמן. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה״ר אהרן פריזעל הי״ו לרגל שמחת לידת בנו נ״י • מזל טוב למוה״ר יצחק ברייער הי״ו לרגל שמחת לידת נכדו מנחם מענדל נ״י לבנו מוה״ר אברהם צבי הי״ו

נתרם לרפו״ש של שאשא מלכה בת גאלדא ור׳ מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא

לע״נ עמרם בן שמעון ע״ה

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)